# פרשת תזריע-מצורע

**בס"ד. שיחת יום ב', כ"ד ניסן ה'תשמ"ח - ב"יחידות כללית"**
**הנחה פרטית בלתי מוגה**

## לספור ולהשפיע

אין וואס באשטייט דער ענין פון ספירת העומר - איז דאס בעצם אן איין-און- איינציקע מצוה:

- ניט ס'שטייט א ריבוי פעמים אין תורה; אין תורה שטייט "וספרתם לכם ממחרת השבת", אז מ'דארף מקיים זיין און ציילן ספירה, איין און איינציקן מאל,

דערנאך זאגט תורה, אז דער ציילן ווערט פאנאנדערגעטיילט אויף "שבע שבתות" - אז מ'ציילט יעדער טאג באזונדער פון די זיבן וואכן ווערט דאס נייען און פערציק טעג.

וואס א טאג איז פארבונדן מיט מהלך השמש און מהלך הלבנה:

דער איבערשטער האט באשאפן די וועלט אין אזא אופן אז עס זאל זיין "יום ולילה" וו"לא ישבותו" - זאל איסגעשטעלט ווערן אין באזונדערע טעג, וואס יעדער טאג האט דאך אין זיך דעם טאג און די נאכט, און דאס איז "לא ישבותו" - אזוי גייט דאס אן זינט בריאת העולם אין אן אופן וואס ס'ווערט ניט קיין שינוי,

און ס'גייט אזוי אן **טויזנטער** יארן - נאך טויזנטער יארן אויך פאר מ"ת.

און דאס איז א זאך וואס איז פארבונדן גאר ניט מיט אידן: כאמור, דאס איז פאר מתן תורה, און ס'איז די זעלבע לבנה און דער זעלבער שמש (די זון און לבנה) וואס ס'זעען כל ברואי עולם (אלע באשעפענישן פון דער וועלט) - אידן און ניט-אידן, און אויך חי און צומח,

און אפילו **דומם** ווערט דאך אויך באיינפלוסט פון דער ווארעמקייט אדער דער היץ פון דער שמש, און אויך פון דעם אור הלבנה,

וכמדובר כמה פעמים אז ווי ס'שטייט בכמה ספרים איז דא דער "מגד ירחים", אז ס'איז דא אזוינע צמחים וואס זיי ווערן באאיינפלוסט פון דער השפעה פון דעם אור הלבנה (פון דער ליכט פון דער לבנה),

און ביז וואנענט אז מ'זאגט אז דאס וואס ס'איז דא אן ענדערערונג בא זיי די כוואליעס (די גלים) פון דעם ים אדער פון א טייך באוועגן זיך - הענגט דאס אפ אן דער לבנה און איר השפעה וואס זי האט אויף די מים דא מתחת (אונטן) - פונקט ווי זי האט א השפעה "ממגד ירחים" וכו', ווי דערמאנט פריער.

און (דאס איז) אזוי ווי געזאגט איז דאס פאנאנדערגעשפרייט איבער אלע צייטן, פאנאנדערגעשפרייט איבער אלע שטחים (טיילן) פון דער וועלט, און פאנאנדער געטיילט אין אן אופן וואס אנשים ונשים וטף און חי און צומח און דומם זעען דאס און ווערן באאיינפלוסט פון די אלע זאכן.



© 2004 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת תזריע-מצורע

זאגט מען א אידן, אז בשעת עס וועט קומען די צייט פון ספירת העומר, און אט דעמולט האט ער א ציווי און א שליחות פון דעם אויבערשטן ער זאל ציילן אט די טעג -

איז אט דעמולט דורך אט דערויף-א פאראייניקט ער 49 טעג און מאכט פון זיי איין ציווי אין תורה, איין זאך אין תורה.

און דורך דערויף, ווי מ'זאגט דערנאך, נאך דער ברכה פון ספירת העומר, און נאך ציילן דעם עומר, אז "על ידי זה יושפע שפע רב בכל העולמות". אז דורך דערויף וואס א איד, האנשים והנשים והטף, א קליין קינד, אן אינגעלע אדער א מיידעלע, אז ער ציילט דעם עומר - זאגט אים תורת אמת, אז דורך דערויף טוט ער אויף אז עס זאל צוקומען א שפע אין די **אלע וועלטן**,

און ניט סתם א שפע, נאר - א "שפע **רב**", א סאך השפעה.

וואס דא זעט מען דעם כח וואס מ'האט געגעבן א אידן - ניט נאר בשעת ער טוט א זאך וואס איז פארבונדן מערניט מיט אים ווי ער שטייט אין זיינע ד' אמות, אין א שול, אין א בית הכנסת אדער אין א בית המדרש, אדער ווי ער שטייט אין זיינע ד' אמות בא זיך אין הויז,

נאר מ'זאגט אים, אז "בכל העולמות כולם", און דורך דערויף וואס ער מאכט אן אין און איינציקע ברכה,

און ס'איז גאר קיין אונטערשייד ניט: ע"פ דין קען מען מאכן די ברכה אפילו אז מ'דאווענט בא זיך אין הויז, אפילו אז מ'דאווענט אין א פעלד,

אפילו אז מ'דאווענט אין א **מדבר** וואס דארט איז גאר ניטא קיין מענטשן, אבער דארט שטייט א איד און זאגט די ברכה, און דערמאנט דעם אויבערשטן, און זאגט דעם אויבערשטן אז ער גייט מקיים-זיין זיינע א מצוה -

איז ניט קוקנדיק וואס דאס איז א מדבר, און ארום אים איז לכאורה קיינער ניטא וואס זאל אים הערן - הערט דאס אבער דער אויבערשטער בורא כל העולמות, און מנהיגו - וואס פירט-אן מיט אלע וועלטן בכל רגע ובכל מקום,

הערט אים דער אויבערשטער **וואו** ער זאל דאס זאגן - כאמור, אפילו ווען ער געפינט זיך אין א מדבר;

א זיכערע זאך האט דאס נאך א **גרעסערע** השפעה ווען ער טוט דאס און דערביי זיינען דא נאך אידן, ווער רעדט נאך אנשים ונשים וטף, ביז א קהל גדול, "ברוב עם הדרת מלך",

במילא ווערן זיי דאך אויך באאיינפלוסט פון **זיין** אויפפירונג,

ביז א השפעה אין אזא אופן אז דאס גיט נאכמערער צו אין זיין דינען דעם אויבערשטן פאר-זיך,

און זיכער גיט דאס נאכמערער צו אין זיין דינען דעם אויבערשטן דורך משפיע- זיין אויף די אלע ארום זיך - בשעת ער זעט ווי אזוי די השפעה העלפט אויף אזוי-פיל, ביז וואנענט אפילו טף און קטני קטנים זיינען אויך מוסיף אין זייער טאן אין אידישקייט, ביז אין א מצוה בפועל,



© 2004 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת תזריע-מצורע

און מוסיף אין אזא אופן אז דאס ווערט בא זיי אויך א טייל פון מעשינו ועבודתינו וואס איז נאכמער מקרב די גאולה פון יעדער אידן און פון אלע אידן, דורך דערויף וואס ס׳קומט נאכמערער צו אין מעשינו ועבודתינו.

וואס דאס איז, כאמור, שטייט בהדגשה דוקא אין די טעג פון ספירת העומר,



© 2004 Jewish Educational Media, Inc.